מהדורא קמא
מהדורא תנינא

מהדורת ראובן שמעלצער

איך דארף נישט פארקויפן דא א הקדמה מיט מליצות פון נ"ך ביז אשרי ובא לציון. מער צום ענין איז אז איר זאלט הערן די ניגונים און הנאה האבן.

טאטי, איך האב אריין געלייגט דא מער געלט אין דעם פראיעקט ווי עס קאסט א דירה אין פלארידא. איך שענק דעם זכות לעילוי נשמתך הטהורה.

טייערער מחותן, פארטי פלענער אדער מוסד וואס באשטעלט מיר, זייט וויסן אז די שווערע געלטער וואס איר צאלט העלפט מיר ברענגען די העכסטע קוואלעטי מוזיק פאר'ן היימישן ציבור.

איך גיב אייך דא מיט א מתנה "א זשורנאל" מיט'ן גאנצן הארץ. פאר מער דעטאלן ליינט סוף פונעם ביכל. איך האף צום בוכ"ע אז איר וועט שטארק אנערקענען דערין, און א גוטע תועלת וועט דערפון ארויסקומען.

**ARTIST & PRODUCER:**
LIPA SCHMELTZER

**CREATIVE ADVISOR:**
HERSHY WEINBERGER

**TECHNICAL DIRECTOR:**
GERSHY SCHWARCZ

**LIPA'S EXECUTIVE DIRECTOR:**
DAVID SHTENDIG

**THE GEMURA KUP:**
MOSHE YOSSI SCHMELTZER

**COVER DESIGN & LAYOUT:**
VIGI GLUCKMAN

# לשמה

פסחים נ:
תענית ז.
ברכות יז.
נדרים סב.

## מתוך שלא לשמה בא לשמה

א מענטש וויל טון, אבער דער מח האקט אונטער,
דער זעלבער מח וואס הייסט אהער אהין,
קומט און די הויט שינדט ער.
האסט עס יא געמיינט אמת'דיג, נישט געמיינט, און
טאמער ס'איז נישט גענוג – קומען נאך מענטשן
אין א זייט, יעדער זאגט אין פאבליק אדער
פריוואט, זאג מיר, ער מיינט עס אזוי ער מיינט עס
אזי, ער האט נגיעות, האט פניות,
לאדיך אפ, לאז עס גיין, לאז עס גיין. לאמיר לעבן
יעצט, יעצט טון נאר, נאר נאר נאר די רעכטע זאך,
די גוטע זאך וואס איך דארף יעצט טון.

ווייל מתוך שלא לשמה בא לשמה.

COMPOSER: LIPA
ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM
CHOIR: LIPA BUCHERIM ONE

"לשמה איז נישט
עפעס וואס
מ'קען מסביר זיין,
עס קומט גלייך
פון דעם נשמה"

– ליפא

# שועלים

מכות כד:

בני עליה רבי יהושע און רבן גמליאל אויך,
רבי אלעזר גייט צופים אהיים פון שול.

אין דער שפאצירל א פאסירל,
הערן זיי דארט פיל געשרייען,
הונדערט צוואנציג מייל אין לענג.

שרעקן קראכן,
הערן לאכן,
פאר דעם תנא וויינען זיי קייכן,
פרעגט עקיבא וואס וויינען ענק?

רבי רבי,
גיב א קוק אויף די גוים,
וואס דינען פאלשע געטער,
משתחוים לעצבים,
ומקטרים לכוכבים,
דאך דער בורא אלעם גוטס זיי גער ער.

זאלן מיר נישט וויינען?

פארקערט...
דערפאר גיב איך א לאך,
א קל וחומר איך מאך,
אז יענע מענטשן קריגן שכר,

וואס גייט איר באקומען דערפאר,
וואס גייען אונז באקומען דערפאר?

רשעים קריגן גוטס
און עס שטעכט ווי א דארן,
פארשטיי איך שוין פארוואס איר וויינט,
דאך שפיר איך אז כמעט
איז שוין מקויים געווארן,
אייער שכר, מיין שמייכעלע מיינט.

מיט רבי עקיבא תלמידי ישיבה זיי גייען אהיים,
א שמועס אויף די וועגן,
ביז א באגעגן ביי דעם בארג.

א פוקסל א פוקסל,
א שאקל דעם אקסל,
דער גרויסער תנא, איז זיך מהנה,
שמייכלט שיין פון באק צו באק.

רבי דיין שמייכל,
וואס איז דער שכל?
קוק אן דער ריח׳ל,
גייט נאך פון היכל,
אונזער מקדש חרוב צוהאקט.

אוי מיינע שעפעלעך,
מיינע תלמידים,
מיר האבן אזא נבואות,
מיר האפן און מיר גלייבן,
אז אט וועט זיך שוין אנהייבן,
אלץ כשנים קדמוניות.

נו וואס זאגט דער נביאות?

אז פאר דער גאולה אויסלייז,
וועט זיך געבן א ווייז,
ס׳וועלן זיך דרייען דא פוקס נאך פוקס,
נו זע דא פיל שועלים עס וואקסט,
ס׳מיינט אט די רענצלעך פאקטס.

דער חורבן הבית שטעכט ווי א דארן,
כ׳פארשטיי תלמידים אז איר וויינט,
דאך די ערשטע האלב נבואה
איז שוין מקוים געווארן,
דאס האט מיין שמייכעלע געמיינט.

שועלים הלכו בו,
די חיות לויפן אזוי,
און די שענסטע לענדער ליגט ביים גוי,

יעצט
ווארט
מען אויף די
אידישע ׳זשוי׳
(joy),
רבי עקיבא כה לחי.

רבי עקיבא ניחמתנו,
מיר גלייבן רבי אז דו ווינסט,
בקרוב וועט מען זאגן דעם שהחיינו,
עקיבא דו האסט אונז געטרייסט.

נו אז מ׳זעט שוין די פוקסלעך,
פאקטס איין אייער באקסלעך,
שועלים הלכו בו,
שועלים הלכו בו,
די ערשטע האלב נבואה קלאפט שוין געוי,
באלד קומט די האלב פון משיח׳שע ׳זשוי׳,

עקיבא ניחמתנו,
עקיבא ניחמתנו,
עקיבא ניחמתנו,
עקיבא ניחמתנו.

COMPOSER: SRULY GREEN
LYRICS: LIPA

ARRANGEMENTS: MOSHE LAUFER
CHOIR: YOSSI GLUCK - SHEVACH

# באַגדאַד

כתובות י:

רב חנא בגדתאה,
רב חנא פון באגדאד,
רב חנא פון באגדאד.

רב חנא בגדתאה,
א סברה האט געהאט,
א סברה האט געהאט.

מטר, משקה, מרווה, ומזבל.
מטר, משקה, מרווה, ומזבל.
מטר, משקה, מרווה, ומזבל.

ומעדן וממשיך ומעדן וממשיך.

רב חנא בגדתאה,
רב חנא פון באגדאד,
רב חנא פון באגדאד.

רב חנא בגדתאה,
האט א סברה געהאט,
א סברה האט געהאט.

תמרי, משחנן, משחנן, משבען.
תמרי, משחנן, משחנן, משבען.
תמרי, משחנן, משחנן, משבען.

משלשלן מאשרן ולא מפנקן.

תמרי, משחנן, משחנן, משבען,
תמרי, משחנן, משחנן, משבען,
תמרי משחנן, משחנן, משבען.

משלשלן מאשרן ולא מפנקן.

רעגן ברענגט וואסער,
מאכט ערד פרוכטבאר.

גלאנצט די גרינצייג.

מטר.. משקה.. וכו'.

טייטלען טייטלען,
זאגט רב חנא פון באגדאד,
ס'גוט ס'זיס,
די מאגן וואלט עס נישט געשאדט,
אפילו געוועגליך ווען מ'עסט צוקער,
איז עס ניכר,
מ'הייבט אן מיט איינס,
מ'וואקסט גאנצע שטיקער.

אבער ווען מ'עסט טייטלען,
איז עס נישט ווי טשיז
און קעיק און ליקער,
ניין, דאס רעקל ווערט נישט דיקער.

פון עסן טייטלען ווערט מען נישט...
שיק עס נישט אוועק פון דא
טייטל מיר אהער די טייטלען.

טייטלען איז גאר אנדערש,
טייטלען מאכט ענק זאט,
טייטלען איז גאר אנדערש,
נאך וויפיל כ'האב געהאט,
טייטלען איז גאר אנדערש,
מיר קיינמאל נישט געשאדט.

זאגט רב חנא... רב חנא... פון באגדאד,
רש"י זאגט ס'איז נישט באגדאד,
נאר ער האט געזאגט אגדה,
האט ער געהייסן ער קומט פון באגדאד,
אבער ס'איז דא א פשט אז ער איז
יא פון באגדאד.

אלנפאלס,
וואס זאגט רב חנא.

תמרי משחנן...

מטר... משקה...

רב חנא בגדתאה האט א סברה געהאט,
געלערנט אין באגדאד,
רש"י הקדוש ברענגט אז ס'מוז
נישט זיין פון באגדאד,
נאר אגדה,
די גראדע,
דערציילט די גאנצע צייט.

בים באם...

איך האב מיר מחיה געווען
לערנענדיג דעם בלאט,
ווען איך זע דא ווי רב חנא זאגט
אז טייטלען מאכט אונז זאט,
איך האף ס'איז אזוי זיס,
וואלט עס קיינמאל נישט געשאדט.

און מטר מרבה מזבל,
שיינע פרוכט קומט פון דעם רעגן מבול,
אבער אפשר פון דעם ניגון זענט
איר אויך שוין זאט.

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM
CHOIR: LIPA BUCHERIM TWO

# מקוה

סוטה לט:

זאג די מקוה איז אפן, האסט א קארטל
כ׳פיל כ׳מוז האבן א מקוה,
איינער האט געפרעגט דער סקווערער רבי ז״ל,
וואס דארף מען אינזין האבן ביי א טבילה?

האט דער רבי געזאגט:
ווי שנעלער ארויסצוגיין.

מיט דער שנעלע טבילה
קען מען אזויפיל פועל׳ן,
מקוה ישראל ה׳ מושיעו בעת צרה,
מקוה ישראל ה׳ מושיעו בעת צרה.

א טובל אריין א טובל ארויס,
ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז,
ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז.

איך האב נאר איין עפענונג,
איך טובל זיך אין האפענונג,
מקוה אל השם דאס איז
מיין מקוה וואו איך גיי.
איך האב נאר איין עפענונג,
איך טובל זיך אין האפענונג,
מקוה אל השם געהאלפן ווערן
איינס צוויי דריי.
מקוה ישראל ה׳ מושיעו בעת צרה,
מקוה ישראל ה׳ מושיעו בעת צרה.

א טובל אריין א טובל ארויס,
ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז,
ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז.

אסאך יארן ווי וואסער אסאך,
אסאך נחת ווי וואסער אסאך,
ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז.

פזמון...
איך האב נאר איין עפענונג,
איך טובל זיך אין האפענונג.
מקוה אל השם דאס איז
מיין מקוה וואו איך גיי.
איך האב נאר איין עפענונג,
איך טובל זיך אין האפענונג,
מקוה אל השם געהאלפן ווערן.
איינס צוויי דריי.

COMPOSED & WRITTEN: LIPA ARRANGEMENTS: HERSHY GINSBERG CHOIR: MENAGEN CHOIR UK

# שטאַרקע זאַכן

בבא בתרא י.

צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען צען צען צען.

צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן.

א באַרג א באַרג א באַרג,
עס איז גאַר שטאַרק גאַר שטאַרק,
א באַרג א באַרג א באַרג,
עס איז גאַר שטאַרק גאַר שטאַרק.

קומט אבער אייזן,
מער כח ווייזן,
און צע'מזיק'ט דעם בערגל.

קומט אבער אייזן,
מער כח ווייזן,
און צע'מזיק'ט דעם בערגל.

א פונק א פונק א פונק,
דאָס צונג ברענט פלינק און רינג.
א פונק א פונק א פונק,
דאָס צונג ברענט פלינק און רינג.

דאָס פייער האָט מער כח,
צעלאָזט דאָס אייזן מיט רויעך,
דאָס גאַנצע אייזן א דערוווערגל,

דאָס פייער האָט מער כח,
צעלאָזט דאָס אייזן מיט רויעך,
דאָס גאַנצע אייזן א דערוווערגל.

דאָס אייזן שלאָגט דעם בערגל,
דאָס פייער דאָס אייזן א דערוווערגל.
דאָס אייזן שלאָגט דעם בערגל,
דאָס פייער דאָס אייזן א דערוווערגל.

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו.

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו.

א קוואַל א קוואַל א קוואַל,
וואַסער לעשט דעם הייסן שטראַל.
א קוואַל א קוואַל א קוואַל,
וואַסער לעשט דעם הייסן שטראַל.
פייער געבט א קער קער,
דאָס וואַסער איז דאָך שטערקער.

נישטאָ מער פייער צאַנגען,
דאָס וואַסער קען דערלאַנגען.

פייער גיבט א קער קער,
דאָס וואַסער איז דאָך שטערקער,
נישטאָ מער פייער צאַנגען,
דאָס וואַסער קען דערלאַנגען.

עס בלאָזט עס בלאָזט א בלאָז,
די וואָלקן ברימט העי איך בין בעל הבית,
עס בלאָזט עס בלאָזט א בלאָז,
דער וואָלקן ברימט העי איך בין בעל הבית.

דאָס וואַסער ווערט פאַרשווינדן,
אין וואָלקענעס פאַרבינדן,
דאָס ווילדע וואַסער צוגאַנגען,
איך וועל דיר דערלאַנגען,
דאָס וואַסער ווערט פאַרשווינדן,
אין וואָלקענעס פאַרבינדן,
דאָס ווילדע וואַסער צוגאַנגען,
איך וועל דיר דערלאַנגען.

דאָס אייזן שלאָגט דעם בערגל,
דאָס פייער אייזן א דערוווערגל,
דאָס וואַסער לעשט דאָס פונקען,
וואָלקענעס וואַסער איינגעטרינקען.
דאָס אייזן שלאָגט דאָס בערגל,
דאָס פייער אייזן א דערוווערגל,
דאָס וואַסער לעשט די פונקען,
וואָלקענעס וואַסער איינגעטרינקען.

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו.

צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען צען צען צען.

צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן,
צען שטאַרקע זאַכן.

א ווינט א ווינט, נישט פאַרגינט,
וואָלקן וואָלקן צי ביסטו בלינד,
שיין און שטאָט דיר איך שינד,

דאָס גאַנצע וואָלקן צורינט צורינט.

א ווינט א ווינט, נישט פאַרגינט,
וואָלקן וואָלקן צי ביסטו בלינד,
שיין און שטאָט דיר איך שינד,
דאָס גאַנצע וואָלקן צורינט צורינט.

א מענטש א מענטש א מענטש,
געזונט געזונט איז געזונט,
שטייט שטייט דאָרט קעגן דער ווינט,
אוי שטערקער שטערקער ביז'ן גרונד,
אבער דאָך שפירט ווי א קינד,
מורא מורא פון א הונט,
אוי שרעק פון סאַסייעטי,
ענקזייעטי ענקזייעטי,
אפּשרייבן אלע שרעקן וואָס כ'האָב יויש,
כ'לויף אויס פון טינט פון טינט, יוי...

זעסטו שוין אז יראה יראה יראה "פעיר",
פחדים און יאוש איז שטערקער פון א מענטש.
אייזן שלאָגט דעם בערגל,
דאָס פייער דאָס אייזן א דערוווערגל,
דאָס וואַסער לעשט די פונקען,
וואָלקענעס וואַסער טרינקען,
ווינטן בלאָזן וואָלקן,
דערנאָך איז דאָ א פאָלק אין,
גרויסן ווינט ווי א גבור עצום.

דאָך יראה ביים אדם אפילו פון גרויע מייז
רויטע קעץ און ברוינע שרצים פוי פעך חיות
בערן נויזעס, כ'ציטער וואָס וועט זיין אויב
מ'וועט נמאס ווערן פון מיר... וכו'
(אנטשולדיגט אז איך שרייב נישט דאָ די אלע
פחדים וואָס איך רעכן אויס – קענסט טרייען
צו צוהערן גוט – "עניוועי" יעצט ווען דו הערסט
דעם ניגון האָב איך שוין לאַנג נייע פחדים)

וואָס?
איך שוויץ
איך דאַרף לופט, ניין וואָס דאַרף איך
אה אה אהה איך דאַרף א גלאָז וויין,
איך דאַרף יעצט א גלאָז וויין.
דאָ קומט אריין,

איך מוז א גלעזל וויין,
און פארגעסן פון אלע פחדים.

אהה, א פיינע פרישע גלעזל וויין,
וועלכע וויין? איך האב דאך אליינס א גלעזל וויין,
וויאזוי הייסט עס שוין דארט...
פאט נאט דאס איז אויך עפעס

וואס איך האב מורא,
לעצטנס פארגעס איך זאכן וואס... צו... נעמען...

א מערה צו א ברטנורא,
וויין שלעפט איין די יראה,
אזוי שטייט אין גמרא,
דער וויין שלעפט איין די יראה.

אבער העלא סטאפ.

„בעליוו איט אר נאט",
ס'דא נאך עפעס שטערקער.

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו,
נו זאג שוין ווער איז שטערקער.

א שלאף א שלאף א טיפע שלאף,
נאך וויין קומט הויעך שנארכן,
א שלאף א שלאף א טיפע שלאף,
פון שלאף וועסט רעדן כ'וועל אלעם הארכן.

א שלאף א שלאף א טיפע שלאף,
נאך וויין קומט הויעך שנארכן,
א שלאף א שלאף א טיפע שלאף,
פון שלאף וועסט רעדן כ'וועל אלעם הארכן.
שלאפסט שוין...

לאז–מיר מסביר זיין...
ביזט איינגעשלאפן דא אויף די גמרא...
כ'וועל דער זאגן נאך א זאך
די גמרא זאגט אזוי... מסביר זיין...
וויין וועפט פון די שנארכן,
מארגן האט דער וויין „נאמאר" – חן.
וויין וועפט פון די שנארכן,
איז האט דער וויין „נאמאר" – חן.
(ס'גראמט אויך... כ'האב געמאכט אזא
צוזאמגעשטעלטע צוויי ווערטער
גראם... מאר מיט אזא שטרעכל חן,
עה דו ביסט נישט... דיין קאפ איז נישטא)
עה כ'בין מיד כ'שלאף אויך איין,
כככככ
דאס אייזן שלאגט דעם בערגל
די פייער די אייזן א... נע כ'האב שוין פארגעסן
דעם ניגון וויזויגייטעס נאר כ'בין שוין מיד...
די וואסער לעשט די פונקען,
וואלקנס וואסער... יא אזוי גייט עס... טרינקען
ווינטן בלאזן וואלקן
דערנאך איז דא א פאלק אינעם
גרויסן ווינט ווי א גבור עצום
האט מורא פון מייז אין שרצים
אבער נאכדעם קומט אריין א וואס? א גלאז וויין
און ברענג מיר א גוטע גוטע,
א גוטע וואס, א שלאף.
וועק מיך נישט אויף...
אקעי כ'וועל זינגען שטיל

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו נווו...

נו ווער איז שטערקער,
נו נו נו ווער איז שטערקער,
נו נו ווער איז שטערקער,
נווו...

טויט,
טויט,
טויט איז שטערקער מיין פריינד,
טויט איז שטערקער פון שלאף.
פון דער וועלט ווייט מ'מופט,
אבער גיב נישט אויף,
פארהאן שטערקער דערויף.
העלף העלף העלף א מענטש,
די שטארקייט האט קיין סוף,
העלף העלף העלף א מענטש,
די שטארקייט האט קיין סוף.
ווער זאל איך העלפן ערשט,

ווער וועט מיך העלפן ערשט,
דו ווילסט מיך העלפן ערשט,
ניין איך וויל דיך העלפן ערשט.
ווי מער א מענטש צדקה'ט,
איז דאס לעבן ווייניגער קראַקעט.
די אייזן שלאגט דאס בערגל,
פונקען פייער דעם אייזן א דערווערגל,
די וואסער לעשט די פונקען,
די וואסער טרוקנט זיך די וואלקנס טרינקען,
די ווינט וואס בלאזט די וואלקן,
קוקט און זעט א פאלק,
אין א וועלט וואס איז פול מיט
פחדים ענקזייעטי יראה,
עס העלפט קנאפ קנאפ,
דו כאפ כאפ וואדקע וויין צו בירה,
שלאף נישט איין איך בעט–דיר,
שלאפן וועט מען שפעטער,
היינט נוץ נאר איין פארטרעטער.
צדקה תציל ממות.

COMPOSED & LYRICS: LIPA    ARRANGEMENTS: DAVID TAUB    CHOIR ARRANGEMENTS: LIPA

„אײן פחד קען הארגענען צען שטארקייטן.
לאמיר זיך העלפן צו קענען העלפן יענעם."

– ליפא

# גמרא במנגינה

מגילה לב.

ברעיקינג ניוז אויבן אין הימל

רב חסדא זאגט פאר רב אשי, רב הונא.
ס'טוט זיך א גערעדעכץ, וואס גייט דא פאר?
עפעס א ישיבה דא א קליינע ווינקל, נאך
אזויפיל יארן איבערלערנען די גמרא האט
עפעס א תלמיד געטראפן א נייע פשט, א
גרויסע אור.

לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט אונז ברענגען פארגעניגן,
לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט אונז ברענגן פארגעניגן.

לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט אונז ברענגן פארגעניגן,
לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט אונז ברענגן פארגעניגן.

תורה, מיט נעימות,
גמרא, גמרא מיט זמירות.

גמרא, גמרא בזמירות,
גמרא, גמרא בנעימות,
גמרא, גמרא בזמירות,
גמרא, גמרא בנעימות.

לאמיר לערנען גמרא מיט א ניגון,
א ניגון,
גמרא,
יעדע רבי האט א ביאור,
יעדע פירכא האט א תנועה,
זינג אהער,
און דריי ארויף,
יעדעס מאל איר זאגט די ווערטער,
יא דער תנא אויבן הערט ער,
דער אמורא אייך פארהערט ער,
און ער זאגט אהא דער תלמוד
האט א נייער פשט,
ס'איז זייער שיין.

איי זאגט די גמרא וואס
זאגט ער אז יא,
אזא ניגון,
קומט ער פרעגט ער זאגט
ער ס'קען נישט זיין,
סא אנדערע ניגון.

ברענגט דארט די גמרא אויפ'ן פלאץ אז
ס'האט צו טון מיט,
הא לן והא להו,
יעדער האט זייער ניגון,

יעדער פארשטייט אנדערש דעם ניגון.

איי לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט דיר ברענגן פארגעניגן,
לאמיר לערנען מיט א ניגון,
ס'וועט דיר ברענגן פארגעניגן.

תורה... גמרא...

מיין טייערער פריינט
איך זאג אייך נישט קיין ליגנט,
ווען איך זעץ מיך
לערנען גמרא מיט א ניגון,
איז עס נישט נאר א פארגעניגן,
נאר איך טו דעם יצר הרע זיגן,

איבער קליגן,
אלץ מיט א ניגון.

לאמיר לערנען גמרא מיט א ניגון,
א ניגון, גמרא,
יעדע רבי האט א ביאור,
יעדע פירכא האט א תנועה,
זינג אהער, און דריי ארויף,
יעדעס מאל איר זאגט די ווערטער,
יא דער תנא אויבן הערט ער,
דער אמורא אייך פארהערט איר,
און ער זאגט: אהא, דער תלמוד
האט א נייער פשט.

COMPOSED & LYRICS: LIPA
RECORDED & ARRANGED: RAGREEN
RECORD LABEL - KURDISTAN IRAQ
ADDITIONAL MUSIC: DAVID TAUB
CHOIR: DAVID TAUB & GIL ISRAELOV

## "גמרא אן א ניגון איז ווי חלה אנע דיפס."

חלה עס איך שוין ווייניגער, גמרא האב איך צו לערנען מער!

– ליפא

# אביי ורבא

בכורות לא:, יבמות לג.

אדם אומר דבר שמועה מפיו,
שפתותיו דובבות בקבר,
א מענטש דא אין א קורצע צייט
דערגרייכט א באגריף,
וואס אייביג בלייבט מעל ומעבר.

א מענטש אויף דער וועלט לערנט
מאכט א גרויסע טויש,
דער ניגון קען א הארץ און 'מארס' נאך ציפן,
טויזנט יאר ארום א דור פון יואל צו "מויש",
דיין אייניקל מיט דיין ליפן.

פון רב ושמואל ביז ריבניץ אדער כפר חבד,
פון דער הייליגער וואלאזשינער צו חסיד'ישע
יונגעלייט,
גייט נאך אן די זעלבע דף מיט געשמאק,
וואס געלערנט אין קראלי' צפת איראק.

אזוי האב איך געהערט פון דער גבאי פון
דער הייליגער ריבניצער, אז רבי חיים זאנוויל
פלעגט זינגען.

תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה,
תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה.

אביי ורבא,
אביי ורבא אביי ורבא קדישא,
אביי ורבא,
אביי ורבא אביי ורבא קדישא.

מיר וואוינען דא נישט לאנג
דאך עס שפירט נישט וואר,
ווייל ישיבות און שולן
שטייט אויף יעדע געסל,
און איראק, געוואוינט דער איד,
צוויי טויזנט זעקס הונדערט יאר,
ישיבות לענגער ווי דא און אין אייראפע.

דער אכט הונדערט יאר גמרא וואס מ'האט
דארט אין ישיבה שטודירט,
אויך די זאמד ארום האט שוין פארגעסן,
מחלוקת אמוראים וואס
מ'האט דארט געפירט,
בלייבט און וועט אריינגיין אין קאפ,
ווייל די ווענט און הייזערו
וואס מ'האט פארברענט,
קען נישט לעשן די ווערטער
פון יארן טרערן און בלוט,
לערנט א איד א נייע קוועטש
א דריי די הענט,
קומט דער זיידע די ליפן שעפשעט מיט.

תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה,
תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה.

אביי ורבא,
אביי ורבא אביי ורבא קדישא,
אביי ורבא,
אביי ורבא אביי ורבא קדישא.

תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה,
תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה.

מיט יעדעס ווארט פון תורה,
מיט יעדער חסידות.

תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה,
תורה תורה תורה תורה,
תורה הקדושה.

רבי חיים זאנוויל האב אינזין מיך, מיין טאטע,
מיין גאנצע משפחה,
אין גאנץ כלל ישראל, יא טאקע יא טאטע יא.
אמן.

A MOTIF OF THE RIBNITZER ZTZ"L
WITH AN ADDITIONAL NEW COMPOSITION BY:
LIPA. LYRICS: LIPA

ARRANGEMENTS: MOSHE LAUFER
CHOIR: ELI SHPREI
CHILD SOLOIST: SHIMMY SCHMELTZER.

דער ניגון האב איך ריקארדעט ביים קבר פון אביי ורבא, אזוי אויך ביים ציון פונעם הייליגן ריבניצער צדיק, רבי חיים זאנוויל ב"ר משה זצ"ל, איך האב מחליט געווען נישט אויסצופילן די סאונד פון געוויסע חלקים און לאזן דאס זינגען מיט דער אריגינעלע "אקוסטיקס" פונעם מערה ביי אביי ורבא.

# וכן למר

מגילה כז:

רב הונא דער אמורא איז אנגעטון מיט
א שטיקל שטרוי אנשטאט זיין פאסיק,
און אזוי שטייט ער פארנט פון רב.

רב פרעגט רב הונא,
וואס עפעס גייט איר היינט אנגעטון אזוי.

כ׳וועל אייך זאגן רב,
כ׳האב נישט געהאט קיין וויין אויף
קידוש, האב איך פארקויפט מיין פאסיק,
און מיט דעם האב איך
געקויפט וויין אויף קידוש.

אה זאגט רב:

יהא רעוא דתיטום בשיראי,
זאלסטו קענען ווערן ארומגענומען מיט זיידן.

רבה מאכט חתונה א קינד,
נאך דער חתונה, רב הונא לייגט זיך אויפ׳ן בעט.

אלץ א קליין געוואקסענער,
באמערקט אים קיינער נישט.

שפעטער, די טעכטער פון רבה
קומען אריין אין די שטוב,
זייווארפן אראפ דארט די זיידענע
מאנטלען אויפ׳ן בעט,
זיי באמערקן אים נישט.

פארשטייט זיך
אז עס פאלט אויף רב הונא,
ער ווערט אינגאנצן באדעקט מיט זיידן.

איז דאך שוין מקוים געווארן דער ברכה פון רב
אז רב הונא וועט באדעקט ווערן מיט זיידן.

אבער אזוי ווי רב הערט דערפון
בייזערט זיך רב,
רב הונא טייערער: ווען דו וואלסט ווען געזאגט
"וכן למר" ווען איך האב דיר געווינטשן,
וואלט איך אויך געווארן באדעקט מיט זיידן.

וכן למר,
וכן למר...

פרנסה ברוח וכן למר,
דורות ישרים וכן למר,
יראת שמים וכן למר,
חיים ארוכים וכן למר.

ערליכע נחת וכן למר,
שמחה בשלימות וכן למר,
מנוחת הנפש וכן למר,
שלום ושלוה וכן למר.

וכן למר...

CHOIR: MENAGEN CHOIR - UK
MUSIC: HERSHY GINSBERG & MOTTI COHEN

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: HERSHY GINSBERG

LYRICS: LIPA
MUSIC BY: HERSHY GINZBERG
CHOIR BY: MENAGEN CHOIR UK
PIANO BY: YOELI ORGEL

## עמוד א.

# נישט פארשעמען

סנהדרין יא.

פינקי'ס קאמפאזיציע

קובע זיין אן איבעריאר אין לוח,
קען נישט זיין סיי וועלכער שליח,
זיבן אויסדערוועלטע מ'בראכט,
אבער א מהומה פאסירט היינט נאכט,
ס'קומט צו איינער אומגעלאַדנט,
עס האבן זיך אנגערוקט אכט.

אט רופט אויס רבן גמליאל דער נשיא,
ווער האט זיך ארויפגעשלייכט
דא אויפ'ן דאך אן רשות.

ניין עס העלפט נישט קיין חטאתי,
רבן גמליאל זאגט גלייך,
שוין פארלאזן דער יעניגער מוז.

אינדערזייט עמיצער קליינטשיג און דאר,
שמואל הקטן כאטש קליין גארנישט א נאר,
מיט אן איינגעהאלטענעם שטימע
און א ווייכע טאן,
איך בין דער אכטער, צוגעקומענע
דעם רבינ'ס פסק נעם איך אן.

רבן גמליאל זעט די זיצונג ס'וועט שאטן,
אן א מענטש ווי שמואל
ווער וועט אונז ראטן,
ר' שמואל דו ביסט דער אומגערופענער,
אין די אויגן קוק מיר גראד און,
זאג מיר צי דו,
דו מאכסט דא עפעס אויף א מעשה,
אדער ס'איז עס מעשה שטן.

אבער אנדערע סנהדרין,
ווילן גארנישט ענדערן,
א פסק איז א פסק,
כאטש ר' שמואל איז אין תורה א קנאק,
אויב ער גייט פון דא,
איז אונז גארנישט געשמאק.

ווייל די ערליכע סנהדרין,
ווילן שמואל נישט פארשוועמדערן,
מיר ברויכן זיין פסק,
אבער שמואל די ספרים ער פאקט,
ווייל שמואל הקטן נעמט אן ערליך
דעם רבינ'ס פסק.

א מענטש ווערט פארשעמט קען זיך
שפירן באלד ווי טויט,
ס'זעט אוים שמואל הקטן גייט
פארשעמט און רויט,
נישט סתם איז שמואל
פון די גאר גרויסע לייט,
ווילט איר אפשר
הערן א העכערע באדייט,
לאמיר ארייננבליקן אין
סנהדרין דף יא עמוד א'
וואס אין די גמרא שטייט.

ניטאמאל איז שמואל געווען דער יעניגער,
ער איז נישט א ווידערשפעניגער,
ס'איז קיינמאל נישט געוועזן שמואל,
ווייל דרך ארץ איז פון
די חשוב'סטע סעיפין,
שמואל וואלט קיינמאל נישט
געקומען אומגערופן,
נאר וואו'דען?
ער האט פאר יענעם געהאט געפיל.

ענדערש זאל בלייבן אינעווייניג
דער אָן-רשות'טער,
ווי שטרענג מ'האט עס געמיינט
מסתמא האט נישט געוואוסט-ער,

זאלן זיי דא אלע
מיר איננאנצן בלעימען,
איך נעם עס אויף מיר
און יענעם זאל מען
נישט פארשעמען.

איך וויל נישט,
און איך וועל נישט,
און איך טאר נישט,
און איך מעג נישט,
און איך קען נישט,
א איד פארשעמען.

איך קען נישט,
און איך מעג נישט,
און איך טאר נישט,
און איך וויל נישט,
און איך וועל נישט,
א איד פארשעמען.

ווייל איך וויל נישט,
איך טאר נישט,
איך קען נישט,
איך מעג נישט,
אין איך וועל נישט
א איד פארשעמען.

# נישט פארשעמען

סנהדרין יא.

ליפא'ס קאמפאזיציע

רבי יהודא הנשיא לערנט פאר וועןפלוצלונג שפירט ער אז ס'איז טראבל,
עס שטערט דאס זיסע לערנען
ווייל איינעמ'ס מויל שמעקט פון קנאבל,
עס שטערט די גאנצע שטיבל,
רבי יהודא האט פאראיבל,
די ארומיגע קענען נישט לערנען,
איז עס קנאבל צי צוויבל.

זאגט רבי יהודא הנשיא ווער עס האט
געגעסן א געקעכטס א גוטער,
לערנען אזוי איז נישט מותר,
עס שטערט מיך פון תורתי.

דעים שמעקט פון קנאבל נישט פון פוטער.

האלאו האלאו ס'סארכעט דא
די גראך איז ביטער,
אקעי ס'נישט קיין דזשאוק, פליז ווער ס'האט
זיך דא אנגעוויזוויהייסטעס מיט קנאבל,
גייטס ארויס פון דא, זייט מוחל, דרך ארץ.

נאך פאר מען הערט א קרעכץ א בכיה,
שטעלט זיך אויף דער גרויסער רבי חייא,

רבי חייא,
ער גייט פון שול ארויס,
מיט אן איידל תנועה,
אוי רבי חייא גייט ארויס,
הייבן זיך אויף אלע בני עליה,
רבי חייא? ער איז בכלל
נישט דער מענטש וואס.

קומענדיגע טאג דער קינד פון רבי יהודה,
רבי שמעון פרעגט ביי רבי חייא,
טייערער ברודער צי וואס האסטו
געברענגט דעם שמעק,
די קנאבל אין צימער,
און מיין טאטע געשטערט ביים באלעמער.

איי ענטפערט רבי חייא,
אזא זאך ביי מיר וואלט נישט
געשען ווען אימער,
ווייל דו ווייסט דאך אין דער מידה
פון נקיות באהאוונט שטארק זעמיר.

אבער אז א צווייטער איד זאל ווערן
פארשעמט קען איך נישט צוקוקן ניין,
איז ענדערש אין דעם מעשה פון דעם
קנאבל וועל איך זיך מיט בושות שטיקן.

צוריק צו פינקי'ס קאמפאזיציע

רבי חייא האט געלערנט
די מידה גאר טייער,
א געשעעניש מיט א פרוי
וואס רעדט זיך אפ זייער,
פארנט פון אלע בחורים
אין ישיבה ביי רבי מאיר.

רבי, א חתונה א בחור
ביי מיין הויז א געפעל,
און נאך אפאר מינוט פלוצלינג
אנטלאפן איז ער שנעל,
און מער קיינמאל נישט
איבערגעטרעטן מיין שוועל.

איך געדענק ניטאמאל וויאזוי
דער בחור קוקט אויס,
יעצט בין איך אן עגונה איך
קען נישט אויפבויען א הויז.

אזוי? רבי מאיר מיט זיין חכמה
ער שרייבט אויפ'ן פלאץ איר א גט,
די בחורים זען וואס דער רבי טוט,
שטעלן זיך אין דער שורה אלע
א גט איר מען געבט.

איך וויל נישט,
און איך וועל נישט,
און איך טאר נישט,
און איך מעג נישט,
און איך קען נישט,
א איד פארשעמען.

ניין ניין

איך קען נישט,
און איך מעג נישט,
און איך טאר נישט,
און איך וועל נישט,
און איך וויל אפילו נישט,
א איד פארשעמען.

ניין איך וויל נישט,
ניין איך זאל נישט,
טאר נישט,
קען נישט,
מעג נישט און איך וועל נישט,
א איד פארשעמען.

CHOIR BY: MENAGEN CHOIR - UK
PIANO BY: YOELI ORGEL

COMPOSED: LIPA & PINKY WEBER
LYRICS: LIPA
MUSIC BY: HERSHY GINZBERG

„א פייער קען מען
לעשן, דאך דאס
פארברענטע איז
שוין פארברענט.”

\- ליפא

# שלם ישלם

בבא קמא ס:

שלם ישלם המבעיר את הבערה,
אמר הקדוש ברוך הוא.
עלי לשלם את הבערה שהבערתי,
עלי עלי לשלם.

אני הציתי אש בציון,
ואני עתיד לבנותה באש.
צאלן זאל צאלן,
דער גרויסע פייער אנצינדער,
זאגט אונז הקדוש ברוך הוא.
אויף מיר דער צינדער ליגט
דעם חוב פון באצאלן,
עלי עלי לשלם,
אז מיינע ליבע קינדער,

בשלום תובלון,
איך וועל שוין צוריקבויען
ענקערע היים.
מיט פייער כ'האב
געצינדן אונזער וואוין,
איך האב פארברענט
מיין אייגענע קרוין,
מיט פייער וועל איך בויען ציון ציון,
א בית המקדש פאר אונז ביידע שוין.
אני הציתי אש בציון,
ואני עתיד לבנותה באש.
עתיד לבנותה באש,
בקרוב.

COMPOSER: CHESKY WEISS
YIDDISH LYRICS: LIPA
ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM

CHOIR: ELI SHPREI
BOYS CHOIR: MK BOYS CHOIR
BY VOLVI SPITZER

# פרצופיהן

ברכות נח., ירושלמי ברכות פרק ט' הלכה א'

כשם שפרצופיהן שונות,
כך כך דעותיהן שונות
כשם שפרצופיהן שונות,
כך כך דעותיהן שונות.

כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות,
כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות.

איינער האט א לאנגע נאז,
מיין דרייווער האט ליב גראבע שיך.

ס'דא ווער ס'האט א גרויע אויג,
אן עסקן קעיק אין הערינג טינקט.

דער לייגט דעם קוטשמע ביז'ן אויער,
ווער ווייסט אינוועסט
אין קוינס דערלייגט.

קליינע הענט,
ברייטע הענט,
רויטע הענט,
פיצי פים.

פונקט ווי מען זעט אויס אנדערש,
טראכט מען אנדערש,

ס'איז א גמרא!

עמיצער מוז זיך טענה'ען,
א צווייטער וויל גאר רואיג,
עמיצער האט ליב בלוי און רויט,
זיין גערעכט איז אלץ א נויט.

איינער וויל א שווארצע קאוט,
דער צווייטער א תפילין בייטל האריג,
יעדער וויל זאגן און יעדער וויל זינגען,
טויזנט מיינונגען

שטייט דא א חבריא,
טענה'ן זיי ביז דרייע,
יעדער האט א דעה,
דער פיפטער ברענגט א ראיה,
איך לייג איין א מטבע,
געהערט פון טאנטע חי',
וואס ווייסט פון פעטער ישעי',
דער נאכט משגיח שמעי'.

גערעכט גערעכט, ווער איז גערעכט?

כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות,
כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות.

כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות,
כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות.

כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות,
כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות.

כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות,
כשם שפרצופיהן אינן שוות,
כך אין דעותיהן שוות.

ס'איז דא א גרופע יעדער זוכט דא די געפעל,
און מ'שרייט א מעסעדזש פינף מינוט נאך א
מזל כ'קען עס מאכן שנעל.

איך זיך נישט צו זיין גערעכט איך האב עס פשוט ארויס,
וואס זאל איך דיר זאגן ס'נישט איך איך...
ס'איז מיין עקספיריענס נו.

וואס ווייסט זי? וואס ווייסט ער? וואס ווייסטו? כ'זאג דיר צי כ'פרעג דיר.

איינער האט א דיקע שטימ',
א עלעקטריק קאר פארט בעסער,
די צווייטע האט ליב סאך סאך קרים,
כ'שנייד די נעגל מיט א מעסער,
זיין אפיניען קוים א ברים,
כ'צאל דריי מאל די רענט ווי מיין
שוואגער ווייל איך וואוין
אויף די ביזי געסער.

דו דרייווער דו געבסט קוים א טראפ,
און באקומסט צוריק א שווים.

ווייל..
יעדער האט א דעה,
כ'זאג אווארט א נייע,

גענוג ביזט נישט מסייע,
ברענגסט מיר א דבריא,
לענגער ווי דיין פאה.

זאל מיין גראז וואקסן ביז׳ן הימל דארף איך
אויך נישט דיין גראז שניידער הא, נא דאס
איז נישט א אפיניען דאס איז א דמיון. וואס
איז א דמיון אויב נישט א אפיניען, כ׳מיין צו
זאגן פארקערט.

(האלא וואס זאגסטו מיר דא יעצט?) אה
האסט אויך אן אפיניען? נו זאגט שוין
די גמרא פארדעם זעסטו אויס
אנדערש ווי מיר חחח.

לויט די גמרא האט יעדער איינער א וואוים,
סיי די קליינע סיי די ביג בוים,
אבער אמאל קען סתם זיין נויז,
ווייל ס׳שונות (שוין–נויז),
וואס ביי דיר קען מיינען א שיינע קאר,
קען ביי יענעם מיינען טוים,
אין דיין מיסט–קאסטן אפשר וויל עס
יענער אויפ׳ן שוים,
און וואס ביי דיר איז שמחת החיים קען
זיין אויפ׳ן פים ביי יענעם ווי א רויז,
און וואס זאל איך דיר זאגן? אז א...
א חסידות וואס איז גרוים,
איז טאקע א גוטע טשויז,
אבער ס׳דא איינער וואס וויל דאווענען אין א
קליינע קלויז,
ווייל יעדער הערט אנדערש...
ער... דא הערט ער דער באשעפער׳ס וואוים,
כך אין דעותיהן שוות...

כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות,
כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות.

פרעגן און ענטפערן,
טענה׳ן און קעמפערן,
שרייסט ווי טראמפייטערן,
אין לעבן עס גייטער,
אין זיין גערעכט,
ווער איז גערעכט.

כשם שפרצופיהן שונות,
כך דעותיהן שונות,
כשם שפרצופיהן שונות
כך דעותיהן שונות.

כשם שפ׳פרצי׳פהן שונות,
מיט גרויסע פער׳פארציעס,
זאגט יעדער איינער זייער
פרצפ׳ישע מיינונגען,
זאגט די גמרא די ענין פון
אפיניענס דאס איז,
פונקט אזוי ווי מענטשן האבן
אזויפיל מינע פעיסעס.

וואס האסטו געוואלט זאגן,
(איך וואלט נישט אריינגעלייגט יענעמ׳ס
וואויסנאוטס אן רשות, ס׳איז נישט קלאסיש.
איך הער... ווער איך עס אראפנעמען
דעמאלטס, שוין.)

COMPOSED & LYRICS: **LIPA**
ARRANGEMENTS: **DAVID TAUB**

CHOIR ARRANGEMENTS: **YOSSI GLICK - SHEVACH & DAVID TAUB**

# בני מלכים

בבא מציעא קיג:

## ישראל בני מלכים הם

"פיר דיך ווי א
זון פון א קעניג
וועסטו שפירן א
זון פון קעניג"

-ליפא

COMPOSER: LIPA
ARRANGEMENTS: MOSHE LAUFER
CHOIR: LIPA BUCHERIM ONE

BOYS CHOIR: MK BOYS CHOIR
CONDUCTED BY VOLVI SPITZER
CHILD SOLOIST: YOSSI SCHWARTZ

גיטין נז:

כי עליך הורגנו נחשבנו כצאן
טבחה שטייט געשריבן,
זאגט רבי יהודא ס'מיינט די
פרוי מיט אירע קינדער זיבן.

זיבן
דער קייזער הייסט דעם קינד ברענגען,
באפעלט א שטרענגען,
זעסט דעם צלם?
ביי מיין בענקל,
ביק זיך צום צלם!
זאגט דאס קינד, ניין, אן א קווענקל.

ניין קעניג!
ווייל עס שטייט אנכי השם אלקיך.
די רשעים נעמען די קינד צו זיין לעבן א סוף,
יתומים היינו ואין אב.
דאס צווייטע קינד שטייט אין רייע,
מיט א פחד הערט דעם קעניג און
לאזט א טרערל.
דער קעניג זאגט אים זיי נישט
נאריש גיב א הערל,
בייג זיך,
בייג זיך שוין ביק זיך,
ביק זיך שוין ביק.
ניין ווייל עס שטייט לא יהיה לך אלקים אחרים
על פני.
די רשעים נעמען ווייטער די זעלבע שריט,

און פארגיסן פון דעם קינד אומשולדיג בלוט.

אוי ווי
דאס דריטע קינד שלעפט זיך א געפירטע,
געטריבן דורך ווילדע לייט מושטירטע.
קום שוין קום, גענוג, גענוג איז גענוג,
סך הכל בעט מען דיר געב זיך א ביק.

בייג זיך,
ביק זיך, בייג זיך.
ניין! איך קען נישט,
איך קען נישט קייזער.
ווייל עס שטייט זובח לאלקים יחרם,
בלתי לשם לבדו.
די רשעים נעמען דאס קינד און הייבן אים אויף,
מען טראגט אים ארויס און
מ'הרג'עט אים גלייך דערויף.
דאס פערטע קינד שטייט אויף דער פאדלאגע,
וויל האלטן שטארק די אידישע הנהגה.
זיי נישט קיין נאר קוק נישט צוריק,
גיב זיך כאטש א קליינטשיג ביק.
איך קען נישט קייזער,
ווייל ס'שטייט לא תשתחוה לאל אחר,
גרעסער פון מיין גאט ביזטו נישט,
דו גרויסע מאכער.
די רשעים צו אזא ארבעט פלייסיג,
מיט רשעות בייסיג,
אים אויך ערלעדיגט כעסיג.

אט ברענגט מען שוין דעם פינפטן צו דעם קייזער,
אזא רשעות'דיגע מענטשקע,
אן זיידענע הענטשקע,
צו דעם קינד געבט ער א פלעטשקע,
ביק זיך צום געטשקע.
ניין קעניג.

ווייל עס שטייט שמע ישראל
השם אלקינו השם אחד.
מער פון דארט איז ער נישט געגאנגען אין חדר,
על קידוש השם אויסגעהויכט לײדער לײדער.
דאס זעקסטע איז א זיסע קינד א קליינטשיגס,
ארום אים בארבאריש הענט מיט קאנטשיגס.
דער קייזער שרייט

זיי נישט אן עזות פנים ביי מיר אין וואוין,
קום אהער צו דער עבודה זרה
און ביק זיך שוין שוין שוין.
ביק זיך,
שוין שוין.
ביק זיך,
שוין שוין שוין!
כ'קען נישט קייזער!
איך קען נישט... קייזער...
ווייל עס שטייט וידעת היום והשבת אל לבבך,
כי השם הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ
מתחת אין עוד.

פלוצלונג אזוי דעם קינד מען שלעפט,
הייליג און איידל די נשמה גייט אוים פון די קלעפ.
צום דעם זיבעטן קינד זאגט דער קייזער,
דו ביזט יונג דו ווילסט דאך נישט אזא פעטשקע,
גיב דיר שיין א ביק צו דעם געטשקע.
איך קען נישט פליז!
ווייל עס שטייט את השם האמרת
והשם האמירך היום,

מיר האבן געשוואוירן אויף דעם געבאט,
אז מיר בלייבן זיינע קינדער און ער
וועט אייביג בלייבן אונזער גאט.
דא האט די קייזער אנגעהויבן שפירן שולדיג,
עפעס א געפיל פאר דעם יונגסטן
כאטש ווייזן געדולדיג.
זאגט דער קייזער איך האב א געדאנקע,
איך וועל אראפווארפן מיין גושפנקא,
דאס מיין איך מיין זיגל וועט פאלן צו דער ערד,
און דו בייג זיך נאר אראפ אויפהייבן דאס,
אזויפיל בין איך ווערד.
ווא?

וועט מען זאגן האסט זיך נישט געביקט,
נאר מיין זיגל מיר געגעבן צוריק.
ניין ניין איך וויל נישט.
א שאד קייזער זיך נארן,
אויף דיין כבוד טוסטו זיך שפארן,
אודאי דעם מלך מלכי המלכים וועל איך קוויקן,
ניין איך וועל זיך נישט ביקן.
די שלעכטע הענט הייבן אויף
דעם יונגסטן ס'איז ביטער,
איין מינוט, איין מינוט,
דאס לעצטע קיש וויל איך אים געבן,
בעט זיך די מוטער.
מיין קינד מיין ליבלינג ווען דו גייסט ארויף אויבן,
גיי צו טאטי אברהמ'ען,
זאג אים דו האסט געוואלט מקריב זיין איין קינד,
פאר דעם אייבערשטנ'ס נאמען.
אבער איך מאמע האב מקריב געווען זיבן,
און מיט קיין איין קינד אויף דער וועלט געבליבן.
און דער מאמע איז אראפגעשפרינגען פון דאך,
שרייט א בת-קול העכער די מזבחה,
אם הבנים שמחה.

CHOIR: BY LIPA BUCHERIM ONE
CHILD SOLOIST FROM THE MK BOYS CHOIR

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM

# תרי בדחנא

תענית כב.

הני הני הני הני הני תרי תרי,
הני הני הני הני הני תרי תרי,
הני הני הני הני הני תרי תרי,
הני תרי בדחנים הם בני עולם הבא.

איך האף כ׳בין איינס פון זיי,
ביסטו פון הני תרי,
אויב יא,
נו קום שוין,
ברום שוין,
מאך שוין,
שמייכלען ארום און ארום.

הני הני...

הני תרי בדחנא.. שטייט נישט בדחנא,
שטייט בדחי,
מ׳ליינט בדחן? בדחי?
כ׳ווייס נישט,
אבער הני הני תרי,
דו נעמסט אוועק מענטשנ׳ס וויי,
הני תרי בדחנים הם בני עולם הבא.

צי ביזטו איינס פון זיי,
אויב יא קום אהער און זאג עס...

צי ביזטו איינס פון זיי,
דעמאלטס לאמיר זען געב א שמייכל,
קום שוין,
ברום שוין,
מאך שוין,
טו שוין,
ארום און ארום.

הא הא הי הי הע הע הוי הוי הא הא
האף הע האפא.

הני תרי...

יא דו ביסט איינס פון זיי,
דעמאלטס איז געווען צוויי,
היינט שוין דריי,
קומסט אריין דא,
ממש א מחי׳,
נעם אוועק מענטשנ׳ס ווייען.

אסאך מאל איז דא א פראבבלעם
און א שריי,
עס טוט וויי,
מער ווי א כזי–ת,
דעמאלטס זאג איך דיר גיי,
און עפן די מויל,
און מאך הא הא הא.

האסט אמאל געוויסט אז איך דארף
מאכן אזוי מיט די וואוים,

וואהעהא... וואהעהא...
בררררר פררראר..
וואהה היא האאאא...
וואהה היא האאאא...

מיינסט איך דארף גיין צו א דאקטאר?

קען זיין!
אבער דאס איז פאר די וואוקעל...
צו מאכן אזוי...
אבער אויב עס מאכט דיר פריילין,
וואס גייט מיר אן?

מאך נאך מיר:
טפררבבר.. טפרררררבבררר..

יעצט לאך ווי א בעים
יעצט ווי א טראמפעט
יעצט ווי א טראמבוין
יעצט ווי א גיטאר
יעצט ווי א פלוט
יעצט ווי א פויקער

מ׳הערט דיך לאכן,

כ׳לאז עס אינווייניג חא חא חחחחח

ס׳איז נישט דא קיין פאנטש ליין?

COMPOSED & WRITTEN: LIPA SCHMELTZER
ARRANGEMENTS: HERSHY GINSBERG
CHOIR: LIPA BUCHERIM ONE
FT. THE TWO BADCHUNIM: VELVI FELDMAN
& YAKOV YOSEF LANGSAM

# חסידים הראשונים

ברכות לב:

חסידים הראשונים היו שוהים,
שעה אחת שעה אחת.

חסידים הראשונים היו שוהים,
שעה אחת שעה אחת.

לפני התפילה,
ואחרי התפילה,
לפני התפילה,
ואחרי התפילה.

דאדי דאדי דאם...

חסידים הראשונים היו שוהים,
שעה אחת שעה אחת.

לפני התפילה,
ואחרי התפילה,
לפני התפילה,
ואחרי התפילה.

ווער עס קען זיך אויסקלארן צום דאווענען
בארואיגן פון וועלט אויסשאלטערן,

קען זיך זיין מצמצם,
דעם ארון קודש ביים צימער,
פון השם שפאלטערן,
ארייננגיין טיף אינעווייניג,
און מיט העכערקייט פאראייניגן אין
נאר דעם "יעצט" האלט דערין.

איין שעה פאר'ן דאווענען,
איין שעה נאכ'ן דאווענען, כאטש א שעה
דאווענען קומט אויס ניין שעה א טאג.

פרעגן די רבנים אויב א מענטש
נעמט שעה'ן שעה'ן,
און בית המדרש פארן דאווענען
און נאך מ'דאווענט.

שחרית מעריב מנחה
וואס בלייבט נאך איבער,
צו טון,
אויב גאנצע ניין שעה אין שוהל,
אט איז שוין אווענט.

לפני התפילה,
ואחרי התפילה,
וואו נעמט מען פרנסה,
אדער תורה קאנצעטרירן.

זאגן דארט די רבנים,
זארג דיך נישט ס'איז נישט די
גאנצע קהילה "דאנט וואריי",
ס'איז נאר די גאר פרומע ערליכע,
זיי פלעגן זיך אזוי פירן.

זיי האט עס נישט געשאדט,
א העכערע הילף האבן זיי געהאט,
השם זיי געמאכט זאט,
אבער אפשר דאך איז דא נאך א פשט.

מיין פריינד אויב קענסטו באווייזן
אויסקלארן דיין קאפ אפאר
שעה א טאג אן א רעש,

וועסטו זען ווי שפעטער וועט אלעס פארן,
סיי אין לערנען סיי אין דיין טאש,
איך מיין צו זאגן אז מען 'פלאגט' זיך ארויס
פון קאמפיוטער, אימעילס, טעלעפאנס און
כל מיני מענטשן.

ניין שעה א טאג הלוואי כ'קען
"דיסקאנעקטן" צו זיין "קאנעקטעד",
וואלט שפעטער אין איין שעה
געווארן אלץ "פערפעקטעט".

איך שאלטער מיך אויס,
באהאלט מיך אין הויז,
פון אלעס ארום איך לאז מיך ארויס,
שוהים שוהים שעה'ן שעה'ן,
כ'בין קלאר.

ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM
CHOIR: MONA ROSENBLUM

COMPOSER: HERSHY WEINBERGER
LYRICS: LIPA

# זעכציג טעלערס

מגילה ז:

אינדערהיים פאר פורים בעט רבה,
פון זיין פלומעניק אביי דער גבאי,
טראג משלוח מנות א גלאז געבראטן מעל,
מיט א זעקעלע תמרים,
פאר מרי בר מר.

מרי בר מר,
וועט זען אזא זאך,
וועט ער זאגן הויעך פאר דער גאנצער חברותא,
אז די קארב העגנט נאכנישט פון האלז,
כאטש מ'איז רייך,
דו ביסט ראש ישיבה אין פומבדיתא,
אן ארעמע משלוח מנות שיקסטו נאך אלץ.

ליהודים היתה אורה,
פאלגט אביי טראגט די סחורה,
מרי זעט און זאגט שיין קומ'זשע,
די משלוח מנות ווייזט ארומ'זשע,
שמעקט פון מעל עס גרייכט די נעזל,
אויך די תמרים נעבן גלעזל.

פיין פיין פיין

געסט זיי נעמען און זיי "בינדזשען",
מרי בר מר כאפט א פעפער,
גאר א שארפע מיט א זשינזשער,
שיקט צוריק ווארט אויף קיין ענטפער,
זאגט אביי ריש גלותא,
האט געשיקט נישט שארפע זיסע,
דו שיקסט שארף אויף פומבדיתא.

(נישט איך זאג, כ'מיין רבה קען אפשר זאגן...)

אביי הייבט אן זען טישן,
דער מח וויל מישן,
אפשר זאל איך ארויסגיין.

עס שמעקט פיין,
צי וואלט יעדער באמערקט ניין,
איך וואלט מיר באלעקט מיין,
אפעטיט קען אויסגיין.

זעכציג פארציעס,
און יעדע פארציע,
האט זעכציג טעלערס,
און יעדע טעלער האט זעכציג מיני עסן.

זעכציג סארטן,
זעכציג טארטן,
זעכציג מאל זעכציג,
און אביי וואו ער איז האט שוין פארגעסן.

די עולם איז מער נישט לעכציג,
ווער קען עסן נאך זעכציג זעכציג,
אבער מען "סורפרייזט" דארט יעדער,
מיט א פרישע טאפ צלי קדר.

אביי זאגט, גיב א קוק איך בעט–דיר,
ארויפגעברענגט פון סעלער,
א פרישע טעלער,
ריק עס אהער וואס שנעלער,
כ'וואלט נאך די טעלער אויך אויפגעגעסן,
אזוי הונגעריג בין איך,
אוי ריבונו של עולם.

זעכציג פארציעס,
און יעדע פארציע,
האט זעכציג טעלערס,
און יעדע טעלער האט זעכציג מיני עסן.

זעכציג סארטן,
זעכציג טארטן,
זעכציג מאל זעכציג,
און אביי וואלט די טעלער אויך אויפגעגעסן.

סילקא, זמית, קורא, צנון, אביתות, קפריסין, שותא,
פיל הלבן, זנגבולא, חריף קדרא.

גיב אהער א סמודא,
גיב אהער א סמודא.

טורמיסא, דורמסקין, אביסל פרגיות,
גיב אהער א גרוגרת,
א גרוגרת גיב אהער,
א מקפה, כליות, אביסעלע חמרא, עולשין

(האסט געמיינט אז אונז מאכן פארטים, וואס?)

זאגט אביי אליין פשט,
אז א מענטש קען שפירן זאט,
אפילו ווען מען איז ארעם און הונגעריג,
ווי דער טונקעלער נאכט.

מען געוואוינט זיך צו צום שטורעם,
ווייל מ'איז אזוי פאראארעמט,
צו שפירן די הונגער האט מען ניטאמאל
דער כח צו נעמען אין אכט.

איך בין ארויס פון רבה'ס שטוב,
האב איך געשפירט אז איך בין זאט,
אבער ווען איך בין
אריינגעקומען צו דער סעודה,
האב איך איינגעזען ווי
אויסגעהונגערט איך בין.

קען מען לערנען פון דעם,
אז א מענטש וואס הונגערט נעבעך,
און באקומט עס נישט,
קען אויסגיין ממש און טון זאכן,
וואס מ'וואלט קיינמאל, קיינמאל
קיינמאל נישט געוואלט טון.

בעט איך באשעפער לאז מיר נישט הונגערן,
לאז מיר נישט הונגערן,
ביז איך שפיר איך גיי אראפ פון זין.

אז איך זאל נישט ווען טון,
וואס כ'וואלט קיינמאל נישט געטון,
ווייל איך מיין, מיין לעבן פארגרינגערן.

מיר בעטן באשעפער לאז אונז נישט הונגערן,
לאז אונז נישט הונגערן,
ביז מען שפירט מען גייט אראפ פון זין.

א מענטש זאל נישט ווען טון,
וואס מ'וואלט קיינמאל נישט געטון,
מ'מיינט דאס לעבן צו פארגרינגערן.

באשעפער לאז מיך נישט הונגערן!

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: SHEA KALLER FT. THE SHEA KALLER BAND

# קינוה

מגילה ז:

נאך אלע מעשיות האט מען
אריינגעברענגט דעזערט,
אביי האט געזאגט כאטש מ׳איז
שוין אזוי פול, פאר דעזערט איז
נאך אייביג דא פלאץ.

רווחא לבסימא שכיח,
גיב קינוה,
פאר דעזערט איז דא פלאץ,
שיק ארויף די טאץ,
כ׳דארף א קליינע קראץ,
פון דער אייזקרעם.

רווחא לבסימא שכיח,
גיב קינוה,
פאר דעזערט איז דא פלאץ,
שיק ארויף די טאץ,
געב א קליינע קראץ,
פון דער אייזקרעם.

קינוה,
דערכאפ דאס הארץ,
ס׳איז דא נאך פלאץ,

מיר שמעקט נאכשפייז,
דערנאך קען מען ווייטער טאנצן.

קינוה,
דערכאפ דאס הארץ,
ס׳איז דא נאך פלאץ,
געב אביסל נאכשפייז און נאכדעם וועט
מען ווייטער טאנצן.

טעיסט טעיסט טעיסט
טעיסט די גוטע דעזערט,
כ׳זאג דיר ס׳איז ווערד,
רווחא לבסימא שכיח.

טעיסט טעיסט טעיסט די גוטע דעזערט,
דו ביסט עס ווערד,
רווחא לבסימא שכיח,
אה יא,
נעם יא,
נעם יא.
טעיסט טעיסט די דעזערט,
ראגעלעך קאוקע,

לאטקעס פון מאוקע,
געפרוירענע סטראבערים דרייען זיך
ארום אויף אזא פייער אפפער,
מיט הייסע טשאקאלאד.

געב אהער,
געב אהער,
געב אהער,
שיק ארויף.

קינוה,
דערכאפ דאס הארץ,
ס׳איז דא נאך פלאץ,
מיר שמעקט נאכשפייז,
דערנאך קען מען ווייטער טאנצן.

קינוה קינוה,
דערכאפ דאס הארץ,
ס׳דא נאך פלאץ,
מיר שמעקט נאכשפייז,
און נאכדעם קען
מען ווייטער טאנצן,
אלעם אראפטאנצן.

לאז אדורך, שטופטס ענק
נישט, ס׳איז דא גענוג.

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: SHEA KALLER FT. THE SHEA KALLER BAND
CHOIR: YOSSI GLICK - SHEVACH STUDIOS

## "דעזערט איז גוט, אויף דער מינוט"

# בר פפא

סיום מסכת

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ
שֶׁתְּהֵא תוֹרָתְךָ אֻמָּנוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּתְהֵא
עִמָּנוּ לָעוֹלָם הַבָּא חֲנִינָא בַּר פָּפָּא, רָמִי בַּר
פָּפָּא, נַחְמָן בַּר פָּפָּא, אַחַאי בַּר פָּפָּא, אַבָּא
מָרִי בַּר פָּפָּא, רַפְרָם בַּר פָּפָּא, רָכִישׁ בַּר פָּפָּא,
סוּרְחָב בַּר פָּפָּא, אָדָא בַּר פָּפָּא, דָרוּ בַּר פָּפָּא:

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: HERSHY GINSBERG
CHOIR: MENAGEN CHOIR - UK & LIPA BUCHERIM ONE
CHILD SOLOIST: SHMIEL ZANVIL ECKSTEIN

דער ניגון איז פארפאסט געווארן לכבוד א סיום מיט דער שר התורה מרן רבי חיים קנייבסקי שליט"א לכבוד ישיבת אורייתא. איך האב געהאט די זכיה צו פרעגן דעם גאון שליט"א צי איך זאל מאכן א ליד אויף די ווערטער "חיים שאל ממך נתת לו". דער ענטפער איז געווען אז ניין. האב איך געפרעגט אויף וועלכע ווערטער יא? האט דער גאון געענטפערט: אויף די ווערטער פון "מזל טוב". האב איך געפרעגט צי איז דאס וועגן די בחורים דארפן שידוכים? דער ענטפער איז געווען: "פארשטייט זיך". (כמובן).

האב איך געקלערט אז ס'איז פאסיג צוזאמען צו ברענגען דעם שילוב פון "מזל טוב" מיט "כבוד התורה".

"די היינטיגע חתונה
איז מחותנ'ס הקפה ניגון"

– ליפא

# כבוד התורה

סיום מסכת

מזל טוב,
כבוד התורה.

כבוד התורה, כבוד אורייתא,
איי איי איי איי.

כבוד התורה, כבוד אורייתא,
איי איי איי איי.

מזל טוב מזל טוב כבוד התורה ,
מזל טוב מזל טוב כבוד אורייתא,
כבוד אורייתא.

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: MONA ROSENBLUM
CHOIR: MONA ROSENBLUM

# נאכאמאל

חגיגה

אינו דומה מי שלומד
מאה מאה מאה פעמים,
למי שלומד למי שלומד מאה מאה ואחד.
נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל און
נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל און
נאכאמאל,
נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל,
נאך איין מאל.

נאך נאך איין מאל,
נאך איין מאל נאך איין מאל,
איך מוטשע זיך,
איך פלאג זיך,
איך וויל פארשטיין,
נאכאמאל.
נאך אביסל איך זאג דיר,
וועסט אנקומען,
וועסט אנקומען.

נאך אביסל איך זאג דיר,
וועסט אנקומען,
וועסט אנקומען.
כ׳זיץ אין ישיבה, איך לערן פאר פאר די
בחורים אזא שיעור,
איך לייג אראפ א פני יהושע,
א שיטה מקובצת,
ס׳פארט ווי פוטער ברויט,
כ׳זאג אראפ די גמרא,
ס׳פארט ווי א פידל
ס׳איז תורה׳דיג,
ס׳איז אורה׳דיג,
ס׳איז מורא׳דיג.
אבער פלוצלונג זע איך די
גאנצע שיטה מקובצת,
ס׳האט מיר אפגעפרעגט
די גאנצע תוספות
כ׳הייב נישט אן

צו פארשטיין פשט,
כ׳ווייס נישט וואס צו טון,
וואס גייט דא פאר,
כ׳בין אינגאנצן פארכמארעט,
אינגאנצן פארפלאנטערט,
וואס טו איך מיט
דעם רש״י דא.
אה אבער איך זאג דיר איין זאך,
רב שמעון שקאפ ווארט זיך
מחיה געווען,
מיט אזוינס בעסער ווי
א פריש שטיקל פלייש.

געב נישט אויף
געב נישט אויף, געב נישט אויף,
עפן אויף א רי״ף,
גיי אריין,
קוק וואס טוט זיך אפ,
אזא גמרא,
די בריסקערס,
נעם צוזאם,
גיי...
הונדערט און איין מאל,
א מחיה.
נאכאמאל און נאכאמאל.

COMPOSED & WRITTEN: LIPA
ARRANGEMENTS: YOELY DICKMAN
CHOIR: YOELY DICKMAN, LIPA & GERSHY SCHWARCZ

„ס׳איז שווער צו פארשטיין
ווייניגער נאכן לערנען
עפעס נאכאמאל"

– ליפא

**MUSIC PRODUCERS:**
(IN ORDER OF AGE)
MONA ROSENBLUM 70
MOSHE LAUFER 63
HERSHY GINSBERG 45
YOELY DICKMAN 31
DAVID TAUB 31
SHEA KALLER 19

**SOUND DESIGNERS:**
SHLOMO WECHTER
CHAIM GOTTESMAN
ARAN LAVI
GERSHY SCHWARCZ
RONEN HILEL

VOCALS RECORDED AT
THE STUDYO - POMONA NY

**ADDITIONAL VOCALS RECORDED:**
GERSHY SCHWARCZ -
EDGWARE STUDIOS INC

**CHOIR ARRANGEMENTS:**
LIPA SCHMELTZER AT THE STUDYO.
YOSSI GLICK AT SHEVACH STUDIOS.
MK BOYS CHOIR BY VOLVI SPITZER
(VOLVI & MOSHE YOU DESERVE
A SPECIAL THANKS).
MENAGEN AT MIDNIGHT STUDIOS.

**MUSIC RECORDED AT:**
MIDNIGHT STUDIOS - UK
(HERSHY GINSBERG)

ZEMIROT-BANET STUDIOS - ISRAEL
(AVI KORLANSKY)

GAL KOL - ISRAEL
ISRAEL ORBACH & AVIV

TENOR STUDIOS - ISRAEL
MICHAEL TZI

CHAIM GOTTESMAN STUDIOS

**CHOIRS:**
MENAGEN CHOIR - LONDON UK.
DIRECTED BY: YONI HALBERSTAM.
MEILECH HALPERIN, MOTTY
HALBERSTAM, GERSHI URI, EPRAIM
PHILIP, YOCHI MANDELOWITZ

YOSSI GLICK - SHEVACH NEW SQUARE
YOSSI GLUCK, SHLOIME LICHTER,
CHAIM MEIR NEUMAN, BURECH NEUMAN,
ARI BRAUN, SHAYE HERTZL, MORDCHE
FLIEGMAN, YITSCHOK TZIMEND.

ELI SHPRIE'S PEOPLE
YOSSI GLICK, CHAIM MEIR NEIMAN,
SHLOIME LICHTER.

LIPA BUCHERIM ONE
MENDY WEISS, DANIEL SUSSMAN,
MENDY FRIEDMAN, EFROYIM LANDAU,
NUSSEN STRAUSS, MOISHY FISCHMAN,
LEIBY ZAFIR.

LIPA BUCHERIM TWO
SHMILY BRODY, EZRA SCHREIBER,
ITZI GOLDMAN, ELI WEBER.

**WHAT IS LIPA BUCHERIM ONE,
LIPA BUCHERIM TWO?**
IN SHORT:
AS OPPOSED TO ALWAYS TAKING
THE SAME CHOIR IN ORDER TO GIVE
THE EFFECT OF AN ENTIRE CROWD
SINGING, LIPA WILL OCCASIONALLY -
NOT A NEW UNDERTAKING (PLEASE,
ONLY WHEN IT'S APPLICABLE) CREATE
AN OPPORTUNITY FOR NON-SINGERS
TO EXPERIENCE THE TASTE OF
SINGING ON AN ALBUM.
PERHAPS ONE DAY YOU'LL BE ONE
OF THEM, THUS, CREATING "LIPA
BUCHERIM 4" OR "LIPA YINGERLAIT
ONE" OR EVEN "LIPA ZEIDY'S THREE".

DAVID TAUB'S CHOIR:
GIL ISRAELOV & SINAI BERMAT

MK BOYS CHOIR:
DIRECTED BY VOLVI SPITZER
MATTIS MOSKOWITZ, DUDY SHIMENOWITZ,
YOSSI LEBOWITZ, SHLOIMY KALLER, YANKY
NEUMEN, MOSHE HERSH WEISER, ZEVI
WERTZBERGER, ZISHY MENDLOWITZ,
LIPA APPEL, YAKOV MAIR ADLER, ZALMY
DASKAL, LITTLE BOY: YOSSI SCHWARTZ.

**ARRANGERS:**
DAVID TAUB
GUITARS: AVI SINGOLDA
STRINGS: LUKA ZALTSMAN &
AND THE ISRAELI ORCHESTRA.

HERSHY GINSBERG
FEATURED PIANIST: YOELY ORGEL
FEATURED MUSICIAN: MOTTY COHEN
DRUMS: SHI MIARA, AVI AVIDANI
BASS: GUY DAHAN, AKIN WOLE
GUITAR: AVI SINGOLDA, ARIK SHACHAR
KEYS: HERSHI GINSBERG, MOTTI COHEN
(V'CHEN L'MAR),
STRINGS: WOODWINDS AND FRENCH
HORNS: THE FŐVÁROS SYMPHONY
ORCHESTRA CONDUCTED
BY PETER ILLENYI
SPECIAL THANKS TO
ISRAEL ORBACH.

MONA ROSENBLUM
(SPECIAL THANKS TO HERSHY
WEINBERGER FROM SHIRA)
CHOIR: GIL YISRAELOV, SINAI BERAMETZ,
SRULIK HERSHTIK
DRUMS: AVI AVIDANI
BASS: GUY DAHAN
GUITAR: AVI SINGOLDA
PIANO: YARON GOTFRIED
ACCORDION: MONA ROSENBLUM
WIND INSTRUMENTS: NITZAN EIN HABAR
VIOLIN: GOLAN KOLESH
SPECIAL THANKS TO: ISRAEL ORBACH.

YOELY DICKMAN
GUITARS: AVI SINGOLDA, NACHMAN DREYER
BASS: YOELY DICKMAN, AVI YIFRACH
PIANO & SYNTHESIZER: YOELY DICKMAN
CHOIR: YOELY DICKMAN, YAAKOV RUTBLATT,
GIL ISRAELOV, MICHOEL WEINBERGER.

SHEA KALLER
FT. SHEA KALLER BAND
PIANO: SHEA KALLER
BASS: YOSSI MOSESON
DRUMS: ELI ROSENBERG
GUITAR: ARI KOHN.

**PHOTOGRAPHY:**
YOSSI GOLDBERGER

# חידושי מוזיק

**מונה רוזנבלום.** ס׳שיינט פון דיר אן אורה תורה מורא סחורה וואס נאך נישט געזען קיינמאל. דו דארפסט די שקויעך
ווי א לאך אין קאפ. דו ווילסט די ארבעט און דו גייסט עם באקומען, ווייל ס׳איז נישטא ווי דיר.

**הערשי וויינבערגער.** (נישט דער קאמפאזער נאר דער וואס דרייווט די טעסלע, פון שירה, דער בעלזער.)
איך בין אוועקגעגאנגען פון מונה ווייל איך האב נישט געקענט דילן מיט איינער וואס זיצט אין שול רוב
טאג, ביי אים אינדערהיים ארבעט נאך א טעיפרעקארדער, און קאמוניקירט נאך מיט א טייפרייטער.
און דו, הערשי, האסט אים אונטערגענומען פאר דעם פראיעקט, און א דאנק דיר
האף איך צו ווייטער ארבעטן מיט אים פאר נאך לאנגע געזונטע יארן בעז״ה עמו״ש

**הערשי גינזבערג.** WOW כ׳קען דא מאלן וואסער און אויפקומען מיט שיינע ווערטער אבער ס׳א׳שאד׳ע׳צייט,
מ׳דארף זיין טויב נישט צו אנערקענען דיין טאלאנט.
דו מאכסט מיר ווען מסיים זיין א מסכת נאר צו זינגען מיט דיר בר פפא..
פון דיין פארווארפענעם ווינקל אין לאנדאן (אפשר זעמיר אונז גאר די פארווארפענע),
און מיט דיין חסיד׳ישע בארד (מונה האט א ליטווישע) שטארצטו ארויס פון צווישן די גרויסע ריזן.

**משה לאופר.** דו ביזט דער איינציגסטער אויף דער רשימה מיט וועם איך האב מיך נאך באקענט ביי די ניין יאר
אלט, און דו גייסט נאך אן מיט די זעלבע פרישקייט אזוי ווי ״סטעיק״ ווערט נישט נמאס, נישט קיין
חילוק וויפיל ימים טובים מ׳האט עס שוין געהאט.

**יואלי דיקמאן.** דיקמאן דיקמאן דיקמאן דיקמאן נאכאמאל און נאכאמאל.
אתה לא מבין מילה ביידיש ואתה ממהר לפרויקט הבא. אז יאללה חמוד.

**דייוויד טאוב.** אויב איינער לייגט א לאנגע נאז אין א ניגון, ווי עס קומט א גרויע אויג, קומסטו שיין און מסודר,
און דו מאכסט פון א ברוינע קויט הערינג מיט קעיק. דו ביסט דאס מערסטע אין צייט
פון יעדן אין דער מוזיק וועלט. אבער דאס איז מיין אפיניען. מיין דעה.

**יושע קאלער.** דו ביסט מיין יונגסטער פרענד TO DATE.
קוים א ניינצן–יעריגס, נאך נישט לעגאל פאר א לחיים,
און דו ביסט שוין אויף מיין ליסטע מיט מונה וואס איז א בן שבעים קעניינהארע עמו״ש.
(אגב, דערפאר שרייב איך דעם יארגאנג צו ווייזן אז טאלאנט האט נישט מיט עידזש).
ס׳זענען געווען גרויסע שרייבער און מוזיקאנטן וואס פלעגן זיך פארשפארן אוועק פון מענטשן
פאר וואכן אין א צי אומגעשטערט כדי צו קענען זיין קריעטיוו. היינט איז עס שווער.
איך פרוביר צו פארמאכן מיין טעלעפאן פאר עטליכע שעה און ס׳איז מיר שווער.
דו ווייזט מיר אז מ׳קען זיך אוועקרייסן פון דער וועלט און זיך טינקען
אין זעכציג מאל זעכציג שטיגן פון מוזיק. די נחת שפעטער איז דער קינוח.

**אלי שפריי.** ווען אונז זעמער אויף סטעידזש וואלט איך אפשר נישט געדארפט קריגן באצאלט,
ווייל ווען איך שטיי נעבן דיר פארשטייסטו מיינע געפילן נאך פאר די ווערטער;
פארשטייסט די ווערטער צווישן די ווערטער וואס איך רעד נישט.
און אויב רעד איך עפעס אראפ פון הארץ ביסטו מיר מסביר אז די ISSUE איז
נאר אז איך האב געמיינט ס׳איז אן ISSUE.
און אויב זארג איך מיר אז יענער מיינט אבער אויך אז ס׳איז אן ISSUE,
זאל יענער רעדן צו יענעמ׳ס אלי שפריי.

**שלמה וועכטער.** כ׳גיי מודה זיין אז כ׳האב נישט געוואלט קומען מיקסן ביי עפעס א
חסיד׳ישער אינגערמאן אין וויליאמסבורג, כ׳האב ענדערש געוואלט ברענגען עמיצן
מיט א רויטע הוט פון קאליפארניע ״וואס פארשטייט צו סאונד״.
אבער נאך וואס כ׳האב געהערט וואס דו ברענגסט צום טיש, ווייסטו דעך שוין דעם סוף,
אז איך האב האלב פון זייערע זאכן איבערגעמאכט ביי דיר.

**יוסי גליק.** יוסף השם ככה,
ווייל סוף קומט אלעם צוריק צו משפחה,
סקווירא גיבט ארויס א שיין חלק,
יודישע טאלאנט, און דו ביסט פון זיי, טאלאנטפול און הייליג. אלץ מיט׳ן גארטל.
נ.ב. א עקסטערן ריזיגן שקויעך פאר׳ן אינדזשעניר שלוימי ברוין.

**משפחת שווימער:**
פון אלע שווימערס לערן
איך צו שווימען אין צדקה.

**יודל מאנדל:**
פון דיר כ'לערן
אריינצושפרינגען. אייביג איז
דא די ערשטע שטיצער:
דו ביזט מיין ערשטע
"אַרט קאלעקטער"

**חזקי ווייס:**
פון דיר כ'לערן חכמה
און ביזנעס אין וויאזוי
צו לעבן מיט א ניגון.

**בערי ווייס:**
פון דיר און רייזי כ'לערן
וויאזוי מ'טיילט און מען זאל
ווייסן. דערצייל איך טאקע
נישט וועגן די 'ראָלעקס'.

**הערשי ווייס:**
פון דיר כ'לערן וויאזוי
מ'קען איינעם געבן
UNCONDITIONALLY
און ערווארטן עפעס
אויף צוריק.

**ליפא פריעדמאן:**
פון דיר כ'לערן וויאזוי
מ'קען מחיה מתים זיין
געזונטע מענטשן און זיי
שטעלן אויף די פיס.

**יואלי לאנדא:**
פון דיר כ'לערן אז
מי'לאנערן קענען
בויען א פאלאץ נאר
צו געבן די נומער
פונעם שלאס פאר
פשוט'ע אידן.

טייערע חברים, אויב ביזטו איינער וואס דו שפירסט אז איך האב דיך געדארפט שרייבן און פאַרזען, זאלסטו וויסן אז איך בין דער ערשטער וואס פארשטייט דיר. איך בין סענסעטיוו ווען מ'טוט עס צו מיר, מער ווי דו קענסט זיך פארשטעלן.

אויך למשל רעד איך צו מענטשן אמאל פארטראכטערהייט כאילו כ'בין נישט אינטרעסירט, אבער ווען איינער טוט עס צו מיר ווער איך אוים מענטש. ווייס פון טיפעניש פון מיין הארץ אז איך טו עס נישט בדווקא. יעדער האט אן אנדערער מח און עס ארבעט אויף אנדערע וועגן. די מענטשן וועם איך דאנק דא זענען די וואס וואוינען יעצט אין מיין קאפ פאר איין סיבה אדער אן אנדערע, (לויט מיין מיינונג איז עס נשמה געשעפטן אדער עפעס אן ענערגיע.) איך געב פשוט ארוים מיינע געפילן וואזוי איך שפיר אין דעם מינוט ביים שרייבן די שורות.

# חידושי גוטע מענטשן

**יוסי בניש עם כל החבר״א קדישא:**
לא אני ממכם מפסיק ללמוד.

**נוסקע–נתן דוד קליין:**
פון דיר כ׳לערן הלל׳ס געדולד. סארי אז דער אַרט האט גענומען אזוי לאנג.

**גדליה ווייזער:**
פון דיר כ׳לערן וויאזוי מ׳קען אריינברענגען ליכטיגקייט אין טונקעלע פלעצער. מזל טוב פאר דיר און חני. גדליה, דו טוסט מיך אן עכט שיין!

**שלומי רייכבערג:**
פון דיר כ׳לערן אז מ׳קען רופן א מענטש טוויזענט מאל פאר א מצוה אפילו ס׳ווערט נאר געלונגען איינמאל אדער אויך נישט.

**אלי פריעדמאן:**
יעדע פארטי מיט דיר איז א ווייקעיישען.

**דוד משה און ציפי הורוויץ, אלי און שטערני שטיינמעץ און יואלי דאבעליו:**
פון ענק איך לערן וויאזוי שכנים קענען זיין נאנטע פריינט.

**שרולי גאלדנבערג:**
פון דיר כ׳לערן אז אן אפשערן איז אויך א חתונה.

**הרב לעווינביין:**
פון דיר כ׳לערן חסידות.

**ארי אפל:**
פון דיר כ׳לערן וואס מיינט סערוויס. טוסט פאר נאך מענטשן די משוגענע סערוויס פון אויפזיין א גאנצע נאכט נאר צו מאכן זיכער כ׳זיין שוין אויפ׳ן פליגער?

**וויני גליקמאן:**
פון דיר און דיין ווייב כ׳לערן מסודר׳דיקייט אין הויז ווי מסודר׳דיקייט ביים ארבעט. דיין הויז שמעקט פריש פיל מיט רוחניות׳דיגע PLEASURES.

ביסט נישט א קאָווער מאכער נאר א מחבר ספר. איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט אזא שיינע ארבעט אין א אלבום. דו גייסט זיין רייזיג איין טאג, כ׳האף גייסט נאך קוקן אויף מיין זייט דעמאלטס.

**מנחם אורנשטיין:**
פון דיר כ׳לערן אז חסידים קענען האבן אפדעיטעד פארטים.

# חידושי פיינקייט

**הייליגער מכבד:**
פון דיר כ׳לערן
עבודת השם.

**לוי לעסין:**
פון דיר כ׳לערן אז א
מענטש מעג טרייען צו
זיין קריעטיוו אויף דער
אייגענער וועג. שקויעך פאר
די ניגונים וואס איך האב
געמאכט מיט דיין השראה.

**איצי גאלדמאן:**
פון דיר כ׳לערן צו
ארבעטן אויף זיך.

**ראש ישיבה הרב רבי יואל ראטה:**
פון דיר כ׳לערן צו זינגען
יענעמס ניגונים, אויך
אויב מ׳קען נישט יענעם
פערזענליך. ס׳איז גרויס חיזוק.

**שמילי בראדי:**
פון דיר כ׳לערן באלאנס.
דו טראכסט גראד און
לעבסט מיט די ריכטיגע
באלאנס. הצלחה מיט
דיין נייע ביזנעס.

**שימי לעווי:**
פון דיר כ׳לערן ווי אזוי
צו מאכן דזשאוקס אין
די "מאניטור" אפילו
אינמיטן שפילן.

**בערקא ברידער:**
פון ענק כ׳לערן וויאזוי
רבי׳שע ברודער
וואלטן אויסגעזען ווען
זיי הייסן ווען בערקא.

**מאטי ברייער:**
פון דיר
כ׳לערן
אז קודם
שמייכלט
מען.

**שמעש מיללער:**
פון דיר איך לערן
וויאזוי צו האלטן
אלעס אין ארדענונג.

**זאבי פריעד:**
פון דיר כ׳לערן ווי
אזוי מען קען טון
חסד ווי א "וואן מען
בענד" ממש לשמה!

**הערשי לאנגזאם:**
פון דיר כ׳לערן אז נאך
גוטע טאלאנטן שווימען
ארום פון סקווירא.

# חידוש'
# מענטשליכקייט

**אברעמל פריעד:**
פון דיר כ'לערן צו
זינגען "ומניח בקדושה".
און אנדאלטן חברותא.

**מיכאל שניצלער:**
פון דיר כ'לערן אז
אלעס איז אייביג.
אזוי ביוטעפול.

**הרב חיים צבי סנטר:**
פון דיר כ'לערן וואס
מיינט קירוב קרובים.

**זאבי און שרולי מערמלשטיין – דער קליינער ברידער אויך:**
פון ענק איך לערן וויאזוי
צו זיין אמת'ע פענם.

**יידל ווערדיגער:**
פון דיר כ'וואלט
געדארפט לערנען וויאזוי
צו מאכן סידים, אבער
דו פון מיר זיך צו געבן א
שאקל. דער עולם ווארט.

**נחום וואזנער:**
פון דיר כ'לערן צו
זוכן און זוכן און
היילן די וועלט.

**גיטי און יוסל טווערסקי:**
פון ענק כ'לערן ווי אזוי
צו היילן די קאמיונעטי.

**עורי בירנבוים:**
פון דיר איך
לערן ענגליש
אויפ'ן דער
זשאב.

**שרולי גרין:**
פון דיר כ'לערן
געטריישאפט פאר
משפחה.

**מאָרדי געטס:**
פון דיר כ'לערן אז מ'קען
שפאצירן אין צען נייע
וועלטן מיט די זעלבער
אלטע רעזשוואלקע.

**יענקי ברייער:**
פון דיר כ'לערן אז אפילו
א פשוט'ע טעלעפאן
קאל איז מעדיטעישן.

# ייִדישע נחת־לייט

**יקותיאל "יוקס" שפּירא:**
פֿון דיר איך לערן מיך
וויאזוי מ׳קען פֿאַרשפּרייטן
אידישע מוזיק אויף אלע
פּלאַטפאָרמעס, בכל
קבוצות ישראל.

**די בלומענפעלדס:**
פֿון ענק איך לערן אלעס פֿון
מאַרקעטינג, ביז זינגען.

**יואלי קעלנער:**
פֿון דיר כ׳לערן אמונה
אין יעדע פאַל.
דיר מיט גיטל, פאר רבי
שמעון א קוויטל, אט
מיט׳ן טלית און קיטל.

**עָם עָם אַפּטיקל:**
פֿון דיר איך לערן וויאזוי צו
קוקן אויף גוטע פּלעצער.

**בערי וועבער
און שמילי אונגאַר:**
פֿון ענק איך לערן צו
אינוועסטען פאַר די
פיוטשער. (איך שרייב אז איך
דאַנק נישט אנדערע זינגערס,
אבער דאָ רעדט מען פֿון
אינוועסטמענטס.)

**אבי בלומנטל
ויענקי וויינבערג:**
ממכם אני לומד מה
זה חברים אמיתיים.

**זושא סורקים:**
פֿון דיר כ׳לערן דרך ארץ
פאַר א פעטער.

**שלמה
שטיינמעץ:**
פֿון דיר כ׳לערן
אז א בנש"ק
קען טון ביזנעס
אויך.

**מענדי וויים:
MW SOCIAL
MEDIA TEAM.**
פֿון דיר כ׳לערן שכל
הישר זיך צו פירן
ווי א מענטש צו
גאָט און צו לייט.

**וועלווי פעלדמאַן און יעקב
יוסף לאַנגזאַם:**
פֿון ענק כ׳לערן, טון, זאגן,
פריילִיך, און געשיקט,
גארנישט אזוי לאַנגזאַם.

**שמעון ליבער:**
פֿון דיר כ׳לערן אז
אמת׳ע פריינד זענען
די וואס עפענען זיך
איינער צום צווייטן.

## הערשי ווייַנבערגער

האסט נישט א שמחה היינט וואו מען זינגט נישט הערשי
ער גייט נאך ברענגען ריזיגע היטס לעבעדיגע רואיגע געפילישע און שטיל
ריזיג איז דיין נשמה און איך שפיר עס בשורשי.
שטארק זענען דיינע לידער שטארק איז דיין סטייל
יעדער איינער ניצט דיר פאר דיין טאלאנט ס'איז נישט סתם א שפיל

ווען נישט דו שטיפסט מיר צו און אנפאנג צו נעמען מיינע איידיע'ס אין דער האנט
וואלט איך למעשה געטאפט א וואנט
יעדער מעג וויסן אז דו האסט כוחות
ימ'ען פון ענערגיע האסטו פראבירט צוזאם ברענגען מוחות
נאר דיין קרעדיט איז אז איך האב מונה, גינזבערג און דעם ריבניצער תנועה
ביים סוף האט נאך שניצלער אויך א ניגון דא אויך נאר דיין זכיה.
עס מעגן זיין אנדערע טעיסטס אין דער ביזנעס אבער די קאפ איז איינס
רובם ככלם פון היינטיגע סידים איז א חלק דיינס
גוטע ניגונים שלעפסטו ארויס פון מיר פאר אנדערע זינגערס,
עם ישראל זאל עס זינגען פול כ'זאל ווערן נאך מער פעימאס
רעדן רעדן מיר ווייניג אבער פארשטייען זיך ברמז.

## גרשי שווארץ

גוט האט נישט קיין שיעור
רעדן קען איך פון דא ביז מאנטריאל וואס גרשי האט געטון פאר מיר
שעה'ן פון ארבעט און דאס מערסטע מאדנע צייטן פלעגט גרשי לייגן
י עדע סעקונדע אין די אלבום טוט גרשי'ס פינגער צייגן

שיעורים גיבסטו נישט אויף אפילו אין די ביזי טעג
ווען מען קומט איז דא קאווע נאך פאר מען פרעגט
וויפיל כ'האב באצאלט איז נישט גענוג
אסאך הצלחה זאלסטו ווייטער האבן מיט דיין זשאב
רובם ככולם קענן זיך ביי דיר לערנען וויאזוי צו "טריטן" א ווייב
צדקות אין ערליכקייט אין געלט וועט דיין הצלחה ארויפטרייבן.

## זאגן די מפרשים

כ'וויל באדאנקן אלע זינגערס, קווייערס, פאר'ן נעמען מיינע ניגונים צום
נעקסטן לעוועל. פאר איר קוקט אן דעם שורה ווי סתם אן ארויסגעווארפענע
ליין יוצא צו זיין, פארשטיי אז דו ביסט מיין פריינד און דער סיבה פארוואס
איך שרייב נישט דיין נאמען איז ווייל ס'איז כמעט אוממעגליך אז איך זאל
איינעם נישט אויסלאזן און באליידיגן. אבער איך בין דיך עכט מכיר טוב.

## שטענדיגס:

אויף דעם ניגון פון דיינו. וועלכע? דו וואס די זונגסט שטענדיג.

שטענדיג לערן איך פון שטענדיג.
שטענדיג איז דא שקויעכ'ס אבער איין
גרעסערע שקויעך שטענדיג.
שטענדיג איז מיין וועגווייזער זיך צו
פירן "נארמאל" שטענדיג.
שטענדיג מאך איך מיסטעיקס,
נו, דערפאר האב איך שטענדיג.
שטענדיג פרעג איך שטענדיג אבער די
סידי האב איך געטון וואס איך וויל
אנדערש ווי שטענדיג.
שטענדיג זאגט מיר יוסי אונטער
ווערטער פון ניגונים דערפאר זינג
איך עם ריכטיג מיט שטענדיג.
שטענדיג וועט מותר זיין ווייל דאס טון זיי
שטענדיג.
שטענדיג זאלן מיינע קינדער וויסן אז
כ'וואלט געוואוינט אין א טרעילער
אפסטעיט ווען נישט שטענדיג.

שטענדיג קען איך אוועקלייגן אביסל
אין באנק נאר א דאנק שטענדיג.
שטענדיג זינג איך שוין אין דעם ניגון "אל
תדין נאך פאר כ'האב געקענט שטענדיג.
שטענדיג ווייסט אלעס פון מיר ביז איך בין
באלד איינגערעדט אז דו הערסט אינטער
מיין טעלעפאן שטענדיג.
שטענדיג אינוועסט שטילערהייט אין
אנדערע ביזנעס (דוד. יוסי אויך? ווער ווייסט)
אבער באהאלט עס שטענדיג. (ביז יעצט. אבער
don't worry קיינער לייענט נישט די cover ס'איז סתם,
איך journal דא פריוואט.)
שטענדיג מוז איך פאלגן שטענדיג אזוי
אז אנדערע שפילער מאכן שוין
חוזק פון מיר שטענדיג.
שטענדיג וואלט מיר קיינמאל נישט געלאזט
ארויסלייגן די journal אבער איינמאל מעג
איך זיין אנדערש ווי שטענדיג.

## שמעון כהן

פון דיר כ'לערן שטימע, מיטשטימען,
ווי מען דארף מיטשטימען, ווייל מיט
דיר קען איך שמועסן ,וואס ערגעץ
אנדערש מאך איך זיך שטים,
שמעון, דו ראטעוועסט מיך. שמעון דו בויעסט
מיך. שמעון דו העלפסט מיך. שמעון די
"פעיסט טיימסט" מיך.

נאך דא א וועג צו גיין אבער מיט שמעון מען
קומט אן. נאך א טאג נאך א שטרוי. כ'גיי
מאכן אן איידיע אז יעדן טאג אונז לערן מיר
און מען טוט אויף, וועל איך שמירן איין שמיר
אויף א פעינטינג, און נאך טויזנט שמירס איז
דער פעינטינג דיינע.

# חידושי פאמיליע

איך וויל באדאנקען מיין טייערע מאמע, און אלע מיינע געשוויסטער, פאר'ן מיך אויסקענען צו דעם טייג וואס איך בין.

עקסטערע ספעציעלע קנעטערס, זענען מיין ברודער וועלוול – דער בעל כשרון עצום, מלמד, קול מבשר פארטרעטער, וואך–שרייבער, פריוואטע משפחה–צייטונג שרייבער און משניות פארלערנער.

דערנאך, מיין ברידער (ער איז עלטער) אהרן אדוניהו, וועלכער לויפט אזויפיל ארום אין שפיטעלער העלפן אידן.

און מיין שוועסטער, ברכי ברילל (די גרויסע טעראפיסט אין קרית יואל און אין מאנסי) כ'לערן אזוי סאך פון ענק.

## מיינע טייערע זיסע קינדער עמו"ש:

**משה יוסי,** איך קען נאר פארציילן דו ביסט מיין גמרא קאפ! איך קען נאר פארציילן די מעשיות פון גמרא וועלעכע דו לערנסט. כ'בין אזוי שטאלץ אז דו לערנסט סאך מער פון מיר. אנהייב איז עס מיר געווען שווער ווייל איך בין אויפגעוואקסן אויף אזא סיסטעם אז דער טאטע איז אייביג פרומער ווי דער זון. אבער מיט דער צייט האב איך זיך אויסגעלערנט, אז יעדער האט זיין שליחות און כאטש וואס איך בין אפשר נישט אויף די זעלבער טריפ ווי דיר, איז עס א ברכה פאר מיר דיך צו לאזן וואקסן און שטייגן אויף דיין וועג, און וועל דיר אייביג שטיצן מיט סיי וואס איך קען.

**זיסי,** כ'ווייס אז ס'וואלט דיר אפשר געווען מער באקוועמער אז איך שרייב דיר אין ענגליש. אבער אידיש איז פון מיין הארץ. כ'קען אסאך שרייבן אבער איך וועל דיר זאגן איין נקודה: ס'איז א ריזיגע ברכה פאר א טאטע נישט צו דארפן באהאלטן אפילו איין סוד פון א טאכטער און דו טאכטער פון א טאטע, און אז מ'זאל קיינמאל נישט פילן געדזשאֶדזשט. כ'האב נאר איין בת יחידה און די ביסט דאס בעסטע וואס דער אייבערשטער האט מיר געקענט געבן.

**נפתלי,** די באהאלטסט דיינע געפילן אבער איך קען נישט באהאלטן מיינע. דו ביסט די אקאנטענט און סייענטיסט פון דער פאמיליע. אין א משפחה וואו עס גיסט זיך אזוי פיל קרייעטיוויטי דארף מען אזא איינער ווי דיר. דו בעטס קיינמאל, דו דארפסט קיינמאל, אבער וויל דו ווייס אז איך האב דיך ליב אויף אייביג, און איך וויל דיר אלעס געבן.

**שימי,** דו ווילסט שטארק זיין א זינגער, און מיין מוזינקעל, דו זאלסט זיין דער ביזנעסמאן וואס איך טראכט אז דו זאלסט זיין. אבער איך זאג אלעמאל: דו קען צאלן דעם זינגער. דארפסט זיין, און איך וועל דארפסט זיין ווער דו ביסט. כ'האב אזויפיל דיך שטיצן פאר ווער דו דארפסט זיין, און איך וועל ליבשאפט פאר דיר אז ס'גיסט זיך אויס. און באלד האסטו שוין–בר מצוה, און וועלכע הוט זאלסט אנטון?

איך מיין זאלסט גיין צו א שפיגל און קוקן אין וועלכע הוט דו האסט זיך ליב דאס מערסטע.

## פאר דער מאמע פון מיינע קינדער, מרים שתחי':

וויל איך זיך באדאנקען פון די טיפעניש פון מיין הארץ. האסט זיכער א חלק אין מיין הצלחה פון דורכאויס די יארן. און איך וויל מיך העפליך באדאנקען פאר'ן ארויסגיין פון וועג מיט צו ארבעטן מיט מיין אויסערגעוועגליכע סקעדזשול, און דאס איז זיכער לפנים משורת הדין.

BOOKINGS:
929.810.7771

TO VIEW LIPA'S ART:
WWW.LIPASCHMELTZER.COM
WWW.SHTETLARTGALLERY.COM

© 2022 LIPA SCHMELTZER.
ALL RIGHTS RESERVED